1204



# מעיאר בלומבערג באקומט קאנטראל פון די שטאטישע שולעס

ניו יארק. – מעיאר בלומבערג און סטעיט אסעמבלי פירער שעלדאן סילווער (דעמאקראט פון ניו יארק) זענען געקומען צו אַן היסטארישן אפמאך, וואס וועט געבן דעם פול-שטענדיגן קאנטראל פון די שטאטישע פובליק שולעס פאר'ן מעיאר, צום ערשטן מאל אין 33 יאר.

דער הויכפונקט פונעם אפמאך וועט געבן פאר בלומבערג די מאכט אויסצואוועלן אדער אויפצוזאגן זיין אייגענעם שולע קאנצלער און צו באשטימען א מאיאריטעט פון די מיטגלידער צו די ניי-אויסגעבריי-טערטע באורד אוו עדיוקעישאן.

אונטער'ן אפמאך, וועט די ראלע פון די באורד אוו עדיוקעישאן באדייטנד רעדוצירט ווערן. דער מעיאר וועט קענען באשטימען זיבן מיטגלי-דער אין צוגאב צו דעם קאנצלער וואס ער וועט אליינס אויסקלייבן. די איבעריגע פינף מיטגלידער וועלן זיין עלטערן וועלכע האבן קינדער אין די פובליק שולעס און וועלן אויסגעקליבן צו דארפן באקומען ערלויבעניש פון די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט אויב ער וועט אויפנעמען א קאנצלער אָן ערציאונגס ערפארונג. סילווער האט אויך באקומען א צוזאג פון בלומבערג, אז ער וועט נישט שניידן די שולע פאנדן אין לויף פון זיין קאדענץ און אז ער וועט צוריקשטעלן די 358 מיליאן דאלאר וואס ער האט היי-יאר געוואלט שניידן. סיידן ס'וועט זיין שווערע עקאנאמישע צייטן און די שטאטישע איינקונפטן וועלן רעדוצירט ווערן, וועט דער מעיאר מעגן שניידן דעם עדיוקעישאן בודזשעט מיט די זעלבע פראצענט וויפיל די שטאטישע איינקונפטן זענען רעדוצירט געווארן. דער נייער שולע קאנצלער וועט אויך האבן די מאכט אויסצואוועלן די סופעראינטענדטן אין אלע דיסטריקטן אדער זיי צו טראנספערירן.

בלומבערג איז דער ערשטער מעיאר פאר וועמען ס'איז געלונגען צו באקומען דעם קאנטראל אויף די שולעס, נאכדעם וואס זיינע פארגייער האבן דאס פרובירט צו טאן עטליכע מאל.

דער אפמאך דארף נאך באשטע-טיגט ווערן דורכ'ן פולן סטעיט לעגיס-לאטור און דורך גאווערנאר פאטאקי, וועלכער האט דאס פארשפראכן צו שטיצן. דער לעגיסלאטור וועט דאס ווארשיינליך נאר באשטעטיגן אלס א צייטווייליגער געזעץ, פאר בלויז זיבן יאר, צו זען אויב דער נייער סיסטעם ארבייט זיך אויס. עטליכע פאליטישע עקספערטן האבן דאס אויסגעטייטשט אז ס'איז בעיקר געצילט קעגן דעם געוועזענעם מעיאר זשוליאני, אז ער זאל נישט קענען האבן קאנטראל אויף די שולעס אויב ער באשליסט נאכאמאל צו לויפן פאר מעיאר אין '09, א זאך וואס די לעגיסלאטיווע פירער האבן געלייקנט.

בלומבערג'ס ערשטע שריט וועט זיין אויסצואוועלן א קאנצלער אויפ'ן ארט פון העראלד ליווי וועמענס טערמין לויפט אפ ענדע יוני. ליווי האט איינגעוויליגט צו פארבלייבן אין זיין אמט ביז דעצעמבער 31 אדער ביז דער מעיאר טרעפט א צווייטן קאנדידאט בעפאר דאן.○

## גאַסט עדיטאָריעל

דורך: יונה שאלאמאן

# חוזר בך???

פאַרגאַנגענעם עש"ק פר' שלח לך ווען כלל ישראל האט זיך געגרייט צו שבת מברכין חודש תמוז, וואס דורשי רשימות זאָגן אז תמוז איז די נוטריקון "זמני תשובה ממשמשין ובאין", האבן תושבי וויליאַמסבורג בכלל און איינוואוינער אויף ראָדני סטריט בפרט זיך באַגעגנט מיט אַ מעלדונג וואס האט זיי אַנגעזאָגט: איר האט פיל אויף וואס "חוזר" בתשובה צו זיין.

לב יודע מרת נפשו, יעדער איד באשר הוא שם ווייסט געווענליך אויף וואס ער האט חוזר בתשובה צו זיין. אוודאי זענען דאָ עבירות בלא יודעים, אבער דאך האבן זיך וויליאַמסבורגער אידן נישט גערישט אז קומענדיגן חודש תמוז און די נאָכפאָלגענדע ימי הרחמים והסליחות וועט מען זיך דאַרפן קלאַפן על חטא אויף אַ הלכה וואס זיי האבן ערליך איינגעהאַלטן מיט אַ לשם יחוד וויסנדיג אז זיי טוען דאס על דעת גדולי ישראל.

ס'האט זעלטן פאסירט אין די היסטאָריע פון עולם ההוראה, אז מ'זאָל נעמען אַ הוראה להלכה ולמעשה וואס איז גע'פסק'נט געווארן דורך אַן אויסגערופענער גאון וצדיק אַ פראָמינענטער דיין ומורה צדק שליט"א פון איינע פון די גרעסטע קהלות איבער דער גאָרער וועלט, און נישט בלויז גע'פסק'נט געווארן, נאָר איז דורכגעפירט געווארן "למעשה" נישט בלויז אונטער זיין השגחה נאָר דורך זיין פערזענליכע

(פארזעצונג אויף זייט 15:)

# חזור בך???

(פארזעצונג פון זייט 10)

אַנוועזנהייט און דורך זיינע פערזענליכע "אויפן-פלאַץ" אַנווייזונגען; אַ הוראה אויף וואס טויזנטער אידן האבן זיך פאַרלאָזט צענדליגער יאָרן – און צוליב פאָליטישע חשבונות זאָל מען מאַכן ללעג ולקלס דעם דיין שליט״א, זיין הוראה און די טויזנטער אידן וועלכע האבן געטאָן למעשה עפ״י הוראתו.

נישט אומזיסט האבן חז״ל געזאָגט "בעיקבתא דמשיחא חוצפא יסגי". נישט אומזיסט זאָגט דער פסוק אז בעיקבתא דמשיחא וועט זיין "נערים פני זקנים ילבינו". נישט אומזיסט האט דער הייליגער תנא רבי יוחנן געזאָגט אויף עיקבתא דמשיחא "ייתי ולא אחמיני' – עס זאָל קומען אבער איך וויל עס נישט זען". אין אונזער היינטיגער שוואַכער דור, ווען ס'איז שוין בלי ספק עיקבתא דמשיחא, זעען מיר באשיינפערליך פאַרוואס רבי יוחנן האט נישט געוואָלט לעבן אין אזא חוצפ'דיגן דור, אַ דור וואו מ'קען נעמען אַ הוראה פון איינעם פון די גדולי פוסקי דורינו און עס אזוי צונישט מאַכן מיט אזא בזיון התורה.

איז פאַרהאַן אַ גרעסערע היפאקריטסווע צו נעמען אַ "למעשה'דיגן" פסק אויף וואס טויזנטער אידן האבן זיך פאַרלאָזט מידי שבת בשבתו צענדליגער יאָרן און דאס מאַכן לאשפה? איז פאַרהאַן אַ גרעסערע היפאכאָנדריע צו נעמען אַ ציבור פון טויזנטער אידן און זיי מאַכן מחללי שבתות למפרע? איז פאַרהאַן אַ גרעסערער זיוף והטלת דופי, אַ גרעסערער הגלת פנים בתורה שלא כהלכה?

טויזנטער אידן מדקדקים בקלה כבחמורה, האבן צענדליגער יאָרן מידי שבת בשבתו געשפּרייזט צום סאַטמאַרער ביהמ״ד דורכגענומען מיט קדושת שבת און געטראָגן מיטן פולסטן באַוואוסטזיין וויסענדיג אז ס'איז דאָ אַן עירוב. אין די יאָרן ווען מ'האט אין סאַטמאַרער ביהמ״ד נישט געקענט אריינשטיפן קיין נאָדל יום כיפור אדער שמיני עצרת און די טויזנטער מתפללים האבן נישט געהאַט וואו אַראָפּצושטעלן די מחזורים צווישן ליינען און מוסף, זענען טויזנטער אידן ארויס פון ביהמ״ד צו יזכור מיט די מחזורים אין די הענט, וויסנדיג אז ס'איז דאָ אַן עירוב.

בידידות. דער דיין שליט״א זעט אים שוין יאָרן טראָגן יעדן שבת דעם טלית אין די הענט און אים קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט, אדרבה ער באַגריסט אים גאָר שיין. און דאָ קומען עטליכע מחוצפים און מאַכן דעם דיין שליט״א ללעג ולקלס. אבער דאס ליצנות שפּראָצט נישט ארויס דייקא פון דעם סעיף, נאָר שטייגט פון יעדע שורה צו שורה און פון סעיף צו סעיף וואס איז זיך ממש סותר מיני' ובי'.

די וועלט דערציילט, אז עמיצער, אַ ראַפינירטער שווינדלער, האָט אַמאָל געבאָרגט אַ טאָפּ פונעם שכן. דער שכן האט גוט געקענט זיין שווינדלערישן שכן, אבער וואס טוט מען נישט פאַר אַ שכן, ער האט אים געבאָרגט. נאָך אַ וואָך איז דער שכן געקומען צוריקבעטן דעם טאָפּ, ענטפערט אים דער יעניגער אַ דרייפאַכיגער ענטפער: ערשטנס ס'האט זיך צעבראָכן, צווייטנס האסט מיר קיינמאָל נישט געבאָרגט, און דריטענס איך האב דיר שוין לאַנג באַצאָלט...

אט אזוי קוקן אויס די דריי סעיפים אינעם עירוב-מעלדונג.

סעיף א' זאָגט אז "מהיום והלאה – פון היינט און ווייטער" וועט נישט זיין מער קיין שום עירוב אויף ראַדני סטריט. איז משמע, אז ביז איצט איז געווען און פון איצט און ווייטער ווערט דער עירוב אַראָפּגענומען.

קומט סעיף ב' און זאָגט: מעולם לא נעשה עירוב, ס'איז קיינמאָל נישט געמאַכט געווארן קיין עירוב.

דאס נישט קיין היפאקריטסווע אז אין די זעלבע צייט וואס מבאַרימט זיך אז אויף ראַדני סטריט איז געווען אַ מחיצות-עירוב, איז דער באַהאַלטענער עירוב אויף וויליאַמסבורג-איסט געבליבן אַ צורת הפתח?

אבער וואס ס'בייסט געפערליך איז דער ענדע פון סעיף ג': ונעשה כדי להנצל מחשש אמירה לעכו״ם שמוציאין השולחנות והספסלין וכדו' אבל לא נעשה עבור טלטול יהודים מביהמ״ד לחוץ.

דאס איז דער גרעסטער ליצנות צו נעמען אַן עירוב, וואס טויזנטער אידן האבן במשך צענדליגער יאָרן זיך פאַרלאָזט דערויף מטלטל צו זיין בשבת און יום כיפור, און זאָגן איצט אז ס'האט בלויז געניצט אויף אמירה לעכו״ם.

אויב וואָלט דער עירוב געווען געצילט אויסצומיידן אמירה לעכו״ם, איז דען נישט פאַרהאַן קיין אַנדערע עצה קעגן אמירה לעכו״ם? מען זעט דאך די גוים אין ביהמ״ד עובר זיין יעדע וואָך אום שבת אויף איסורי דאורייתא, אָנצינדן לעקטערס, אָנצינדן אדער פאַרלעשן די עיר-קאָנדישאָנס א.דג. און קיינער איז נישט מסופק אז דער משמש רעדט זיך דורך יעדן ענין מיטן דיין שליט״א און אנדערע מורי הוראות, ווען וואו און ביי וואס אמירה לעכו״ם איז מותר לצורך רבים. און פאַרוואס קען מען נישט די זעלבע הלכה'ישע טאַקטיקן נוצן ביי די פאַרענטשעס?

בכלל, די ארבייט פון אריינפירן און ארויסטראָגן די פאַרענטשעס באַלאַנגט פאַר איין איינציגער פערזאָן: דער משמש. האט זיך טאקע געלוינט צו מאַכן אַן עירוב צו פאַרמיידן אַ הלכה'ישער פּראָבלעם פאַר איין איינצעלנעם פערזאָן, וועלכער וואלט, ווי געזאָגט, זיך במילא געקענט אַן עצה געבן, און מכשיל זיין טויזנטער אידן וועלכע האבן נישט געוואוסט אז זיי טאָרן נישט טראָגן טראָץ דעם עירוב? "דאָס" הייסט היפאכאָנדריע!

אנדערע פרעגן מיט מער ציניזם: יאָרן לאַנג איז געשטאַנען אַ צעטיל אין ביהמ״ד אז דער עירוב איז אונטער די השגחה פונעם דיין שליט״א. אויב איז דער עירוב געווען געשטעלט בלויז פאַר די פוילישע ארבייטער, פאַרוואס האט מען געשריבן דעם צעטיל אויף לשון הקודש און נישט אויף פויליש... אַן אנדערער ציניקער האט געפרעגט: באַלד וועט מען קומען זאָגן אז מ'טאָר נישט איינקויפן אין פלייש-געשעפט ווייל דער הכשר איז נאָר פאַר גוים...

קהל יטב לב
ד'סאטמאר

Cong. Yetev Lev
D'Satmar

Central Office: 150 Rodney Street • Mailing Address: P.O.B. 506 • Brooklyn, NY 11211 • Tel. (718) 384-7449 • Fax: (718) 384-7455

נתייסדה ע״י רבינו הקדוש זצ״ל • בנשיאות רבינו הגה״ק שליט״א • בראשות הגה״צ אב״ד ור״מ שליט״א

## מודעה נחוצה בנוגע העירוב שברחוב ראדני סטריט למתפללי בית מדרשנו הי״ו ולהדרים שם

עפ״י הוראת הגה״צ המפורסם דומ״ץ דקהלתנו שליט״א,
הננו להודיע כדלהלן:

א) מהיום והלאה לא יהי' עוד עירוב של צורת הפתח, והן של מחיצות, אצל בית מדרשנו, בין בראדני סטריט ובין בוויליאמסבורג איסט.

ב) מעולם לא נעשה ע״י קהלתנו עירוב של צורת הפתח לצורך בית

איצט אויפאיינמאָל ווען די מסרבים לדין האבן באַשלאָסן צו רעדן אַ צווײדײטיגע שפּראַך, דאַרפן די אידן פלוצים אויפאיינמאָל חוזר בתשובה זיין? אויפאיינמאָל ווען די טויזנטער אידן פלוצים דאַרפן ברענגען לאחר ביאת המשיח אַ פּר העלם דבר?

עס איז נישט צום באַגרייפן דאס ליצנות און השכלה וואס שטאַרצט ארויס פון יעדע שורה אינעם עירוב מעלדונג פון די מסרבים לדין. לאָמיר קודם אָפּירנעמען סעיף ב', דער אַממערסטנס בייסיגער ליצנות'דיגער סעיף אינעם עירוב-מעלדונג:

"ב) מעולם לא נעשה ע"י קהלתנו עירוב של צורת הפתח לצורך בית מדרשנו."

דאס איז אַזאַ פרעכער ליגנט אז זינט לבן הארמי האט נאך אַ ליגנער נישט באַוויזן אזוי צו דרייען מיטן צינג.

האיך יכול החי להכחיש את החי. וויאזוי קענען קומען עטליכע מסרבים לדין און אָפּלייקענען שמש בצהרים, אַ פאַקט וואס טויזנטער אידן האבן במשך צענדליגער יאָר'ן נישט בלויז געוואוסט אין טעאָריע, נאָר זיך פאַקטיש באַנוצט דערמיט, וויסנדיג פאַר הונדערט פראָצענט אז דער עירוב איז געמאַכט מיט די אויסשליסליכע שטרענגע השגחה און הוראה פונעם דיין שליט"א.

אפשר די נייע קהלה פון די א.ג. סמכות העליונה און נועם המדות האט דאס טאקע נישט געמאכט, אבער ווען די קהלה איז געשטאַנען אונטער די אמת'דיגע תורה'דיגע הדרכה פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובהוראת הגה"צ הדיין שליט"א האט עס די קהלה אויסדרוקליך קלאָר און דייטליך יאָ געמאַכט! הייסט עס, רעדט מען דא פון צוויי קהלות וואס האבן זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט. אַנטשולדיגט מיר האבן זיך געטראָפן...

אלע איינוואוינער פון ראַדני סטריט האבן במשך די לעצטע 30 יאָר געברענגט דעם טלית יעדע וואָך אין בית המדרש. איין איינוואוינער האט זיך אויסגערעדט אז ער טראָגט יעדן שב"ק דעם טלית צו, און פון, ביהמ"ד, און פערצופאַל קומט אים אויס כמעט יעדן שבת זיך צו באַגעגענען מיט הגה"צ הדומ"ץ שליט"א מיט ווען ער איז

ב) מעולם לא נעשה ע"י קהלתנו עירוב של צורת הפתח לצורך בית מדרשנו.

ג) מה שנעשה עד עתה תיקון עירובין ע"י קהלתנו בראדני סטריט זה היה ע"י מחיצות גמורות דווקא, ונעשה כדי להנצל מחשש אמירה לעכו"ם שמוציאין השולחנות והספסלין וכדו' אבל לא נעשה עבור טלטול יהודים מביהמ"ד לחוץ.

והיות וראינו שגם מעשיות מחיצות גמורות באים לידי טעות או מחפשים אמתלא לפרוץ במה שנצטווינו מפי רביה"ק זי"ע כל השנים למנוע מלעשות עירובין בחוצות וויליאמסבורג, ע"כ כדי להסיר מכשול יוצאות ההוראה שלא לעשות עוד שום מחיצות כדלעיל סעיף א'.

**הנהלת הקהלה**

קומט סעיף ג' און זאָגט: מה שנעשה עד עתה תיקון עירובין ע"י קהלתנו בראדני סטריט זה הי' – דאס וואס ס'איז געמאַכט געוואָרן אַן עירוב איז נאָר געווען אזוי און אזוי...

אין סעיף ב' שרייבן זיי אז "זיי האבן קיינמאָל קיין עירוב נישט געמאַכט" און בלויז איין שורה שפּעטער שרייבט מען אז "דער עירוב וואס איז געמאַכט געווארן דורך אונזער קהלה אויף ראַדני סטריט וכו'". איז טאקע נישט דאָ קיין שום חילוק צווישן "קיינמאָל נישט געמאַכט געווארן" און "דער עירוב וואס איז געמאַכט געווארן"?

אַ ליצנות...

באַזונדערע היפאקריטסווע רופט ארויס דער סעיף ג': "מה שנעשה עד עתה תיקון עירובין ע"י קהלתנו בראדני סטריט זה הי' ע"י מחיצות גמורות דוקא, ונעשה כדי להנצל מחשש אמירה לעכו"ם שמוציאין השולחנות והספסלין וכדו' אבל לא נעשה עבור טלטול יהודים מביהמ"ד לחוץ."

אויב וואלט דער סעיף ג' געווען אַ שטיקל גמרא וואלטן מיר געלערנט פשט, אז דער עירוב וואס איז געמאַכט געוואָרן דורך "אונזער קהלה" – אַ פאַררוף אויף די לעצט-דריי-יעריגע קהלה – אויף "ראַדני סטריט", איז געווען דוקא דורך מחיצות. אבער דער עירוב וואס איז אין די זעלבע צייט פאַרבליבן אין באַנוץ אויף וויליאַמסבורג-איסט איז יאָ געבליבן אַ צורת הפתח און ס'איז געווען כשר וישר... איז

דאס איז דער גרעסטער ליצנות וזלזול וואס מ'קען מאַכן אויפן חשבון פון אַ גדול בישראל; דער גרעסטער סילוף הוראה.

הגע בעצמך, שטעלט אייך פאָר, אויף ראַדני סטריט האבן געוואוינט אידן, און אין סאַטמאַרער ביהמ"ד האבן געדאַוונט אידן, וועלכע זענען שוין הלכו לעולמם און רוען שוין אין ליכטיגן גן עדן פאַר לאַנגע יאָר'ן. בשעת זייער פטירה האט מען זיי געשטעלט צום בית דין של מעלה, זיי האבן אָפּגעגעבן דין וחשבון און מ'האט געזען אז זיי האבן מדקדק געווען בקלה כבחמורה, בפרט זענען זיי געווען שומרי שבת כהלכתה וואס אפילו עובדי ע"ז כדור אנוש מוחלין לו.

"גן עדן", פסק'נט דער בית דין של מעלה.

זיצן די אידן צוואָנציג יאָר אין גן עדן, פאַרגאַנגענע וואָך עש"ק קומט אַ שוואַרצער מלאך און שלעפּט זיי ארויס פון גן עדן און מ'שיקט זיי צום גיהנום. "וואס גייט פאָר?" – שרייען זיי היסטעריש. "וואס הייסט, איר האט דאך מחלל שבת געווען, די מסרבים לדין אונטן האבן איצט אָפּגעמאַכט אז ס'איז קיינמאָל נישט געווען קיין עירוב אויף ראַדני סטריט!"...

פאַרוואס קען מען נישט זאָגן דעם ריינעם אמת, פּראָסט און פשוט, אַן געקונצלטע שפּראַך: "מורי ורבותי, אויף ראַדני סטריט איז געווען אַן עירוב לצורך די טויזנטער מתפללים און לצורך די צרכי ביהמ"ד, און דער עירוב איז געשטאַנען אונטער די פערזענליכע השגחה און עינא פקיחא פונעם דיין שליט"א. אזוויוי לעצטנס זענען זיך פילע גאַסן מורה היתר צו מאַכן אַן עירוב פאַר פריוואַטע צוועקן, אַן קיין געהעריגע השגחה און אַן קיין געהעריגע מעגליכקייט וויאזוי מודיע צו זיין פאַר די איינוואוינער ביז וואו דער עירוב גייט און צי דער עירוב איז כשר אויף יענעם שבת; נאכדערצו אז מאַנכע ווילן לעצטנס צוליב דעם פּראָבלעם איינפירן אַן עירוב איבער גאַנץ וויליאַמסבורג וואס איז אַ דבר השרוי במחלוקת רברבתא, איז כדי מ'זאָל נישט זאָגן פרושים התרו את הדבר, נעמען מיר אַראָפּ דעם עירוב און מיר וועלן מוותר זיין אויף די באַקוועמליכקייטן און וויכטיגקייטן וואס אזא עירוב ברענגט פאַר אַזאַ גרויסן

(פארזעצונג אויף זייט 113)

# חזור בך???

(פארזעצונג פון זייט 10)

ציבור און אזא גרויסן ביהמ"ד."

איז דאס נישט גערעדט גלייך, אָן קיין דריידעלעך?

פאַרוואָס דאַרף מען אַוועקמאַכן און אָפּשפּעטן פון אַ פּסק פונעם דיין שליט"א און מוציא לעז זיין אויף טויזנטער אידן?

דער תירוץ איז, די גמרא זאָגט אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, אם הראשונים כבני אדם אנו כחמורים. אויב וויל מען אַוועקמאכן גאַנצע פּאַרלאָפענע תקופות אלס אומבינדענד, אויב וויל מען אַוועקמאַכן הוראות און גזירות פון אַ רבן של ישראל במשך צוואַנציג יאָר אלס עפּעס פון וואָס מ'דאַרף מחזיר זיין עטרה ליושנה, אויב זענען די פריערדיגע געווען נישט מער ווי בני אדם וועלכע האבן געלעבט אין אַ טעות און איצט פאַרשטייט מען בעסער, דעמאָלט זענען די היינטיגע נישט מער ווי כחמורים בלי דעת וועלכע מיינען אז מ'קען אזוי מטשטש זיין די מוחות און אַפּליייקענען אָפענע לאַנגיעריגע פאַקטן כשמש בצהריים.

די מסרבים לדין וועלכע שרייען "חזור בך" וואָלטן זיך שוין געמעגט אויסלערנען אז עס איז נישט דאָ קיין וועג צוריק פון די תורה הקדושה. מען איז נישט חוזר פון אַ הלכה ברורה אין שולחן ערוך. מען איז נישט חוזר פון אַ הוראה ברורה פון אַ גדול בישראל און זיכער איז דער גדול בישראל נישט חוזר פון זיין הוראה.

אויב קען מען זיך מאַכן נישט-זעעוודיג צו אַ בפירוש'ן פּסוק אין די תורה "מי בעל דברים יגש אליהם", אויב קען מען זיך מאַכן בלינד צו אַ בפירוש'ע הלכה און גאנצע סימנים אין שולחן ערוך אז אַ איד איז זיך מחויב צו שטעלן לדין תורה, איז מעגליך פאַר די מסרבים לדין זיך צו מאַכן נישט-זעעוודיג צו אַ דינעם עירוב-בענדל וואס הענגט שוין קרוב צו דרייסיג יאָר...○